אונזער חן III (1928)

זוני מאוד

# אחשורוש

פורים שפיל אין צוויי אקטן

פערזאנען:

אחשורוש, קעניג פון פרס ומדי
המן, ראטגעבער צום קעניג
ויזתא
הרבונה
בגתן
תרש
מרדכי, אן אלטער איד
אסתר, זיין פלימעניצע
זיפע
ליפע
צוויי כושים
חשדרפון, פערסישער נאציאנאלער פאעט און זינגער
קאנפעראנסיע.

## ערשטער אקט, ערשט בילד

אין קעניגס פאלאץ; בינע טונקל באלויכטן. זיפע און ליפע ראמען און פוצן.

קאנפעראנסיע: גענוג, גענוג צו פוצן,
נעם אוועק דעם שטול פון דאנען.
(צום פובליקום) מ'דארף זיי אלץ דערמאנען —
איך בעט אייך צו פארצייען.
נעמט ניט אן פאר אומגוט,
וואס איך וועל געבן אכטונג
וואס יענער און וואס דער טוט.
איך בין קאנפעראנסיע, —
טו איך וואס איך וויל;
גיב איך זיך א דריי —
פאנגט זיך אן דאס שפיל.



(זיפע און ליפע האבן דערווייל צורעכט געמאכט, בלייבן שטיין אויף
ביידע זייטן פון טראן)
זיפע און ליפע: צוויי כושים זיינען מיר,
צוויי כושים זיינען מיר,
שווארצע נעזלאך האבן מיר,
זינגען, טאנצן קענען מיר,
און באדינען טוען מיר.
ליפע: פיינער ליפע רופט מען מיך.
זיפע: שיינער זיפע רופט מען מיך.
(בגתן און תרש קומען אן)
בגתן: איך בין בגתן.
תרש: און איך בין תרש.
ביידע: זיינען מיר צוויי פיינע לייט
פארן קיניג אחשורוש;
האבן מיר שוין צוגעגרייט
שליוואוויץ און רויטן וויין —
וועט שוין היינט פריילאך זיין.
(זעצן זיך לינקס פון טראן)
המן (קומט אן מיט שווערע טריט):
הום הום ברום,
פרסי פרסי גזום.
קאנפעראנסיע: (צו המנען) ווארט א ווילע.
(צום פובליקום) ער איז אן עכטער פערסיאנער —
קען ער ניט קיין אידיש;
האט ער אזא טבע
ער רעדט אביסל פערסיש.
המן: טנעבו טניע נאשע
איך בין דער גרויסער רשע.
פמע פמטע טאל,
ציטערט פאר מיין קול,
איך בין דער שטארקסטער מאן,
טו איך וואס איך קאן.
געפעלט עס אייך צי ניין?
הארט בין איך ווי שטיין,
ביטער ווי א כריין.
זע איך אידן גיין,
האב איך שארפע ציין

בײם איך ביזן בײן.
ס׳איז נאָך אַזאַ רשע
קײנמאָל נישט געװען.
המן בן המדתא —
דאָס בין איך אַלײן.
אַלע: ס׳איז נאָך אַזאַ רשע קײנמאָל נישט געװען.
המן בן המדתא — דאָס איז ער אַלײן.
המן: בין איך מיר די רעכטע האַנט בײם קעניג אחשורוש,
מאַך איך פאַר די אידעלאַך די ריכטיקע גזרות.
אַלע: ס׳איז נאָך אַזאַ...
המן: און דער קיניג איז פון מיר זײער שטאַרק צופרידן —
ל׳איך שױן קענען װען עס איז אױפהענגען די אידן.
אַלע: ס׳איז נאָך אַזאַ...
װיזתא (קומט אַן שפרינגענדיק):
אײנס אײנס אַ!
אַט אַ בין איך דאָ.
מיט די גלעקלאַך אױפן מיצל,
מיט אַ טענצל און אַ שפּיצל.
מאַכט די ציגעלע מע־ע־ע,
מאַכט די גענדזעלע נאַ־אַ־אַ,
איך בין שױן געקומען,
אַט אַ בין איך דאָ
װײסט איר װער איך בין?
דער קלענסטער פון די זין,
מײן טאַטן רופט מען המן,
װיזתא איז מײן נאָמען.
איך בין קליגאַתא,
דער קלײנער װיזתא;
בן המן המדתא —
פון דער מגלותא.
הרבונה (קומט אַן מיט אַ גרױס בוך):
איך בין דאַ דער שרײבער,
שרײב איך אין די ביכער,
און פון אַלע װײבער
אַנטלױף איך װי אַ װיכער.
װײל איך האָב מיר אײנע,
דערגײט זי מיר די יאָרן,



אַז זי שרײט „חרבונה“ (שטילער) אַזױ איז מײן נאָמען,
פאַרשעלט איך מײן געבױרן.
אחשורוש (קומט אַן. אַלע בוקן זיך. זיפּע און ליפּע העלפן אים צום טראָן):
איך בין דער קיניג אחשורוש,
דער װעלטבאַרימטער חכם;
איך בין, זאָגט דער מדרש,
דער קליגסטער פון מלכים.
קאָנפעראַנסיע: זאָל ער מיר מוחל זײן דער אַלטער, זײן מדרש איז ניט ריכטיק,
נאָר איך װיל ניט איבערשלאָגן, ס׳אי ניט אַזױ װיכטיק.
אחשורוש: פון פרס און פון מדי — און פון הודו ביזל כוש,
טו איך נאָר באַפעלן שװײגן אַלע פיש
המן: זאָל לעבן דער קיניג אחשורוש פון הודו ביזל כוש.
אַלע: פון הודו ביזל כוש. (בוקן זיך)
אחשורוש (זעצט זיך אַװעק)
װער איז אַזױ קלוג װי איך?
אַלע: ס׳איז ניטאָ נאָך אײנער.
אחשורוש: װער איז אַזױ קלוג װי איך?
אַלע: קײנער, נאָר דו אײנער.
(זעצן זיך אַרום טיש)
אחשורוש: איצט זאָל בגתן און תרש דערלאַנגען דעם װײן.
עמיר עסן און טרינקען, און פרײלאַך זאָל זײן.
(בגתן און תרש פילן אָן די בעכערס, און יעדער נעמט זײנעם)
המן (מיטן בעכער):
פאַרן קיניג אחשורוש פון פרס און פון מדי, פון הודו ביזל כוש.
אַלע: פון הודו ביזל כוש. (אַלע טרינקען)
װיזתא: זיפּע, ליפּע, רױטע ציג,
װער ס׳איז שײן און איך בין קלוג.
המן (גיט אים אַ טאַרע):
באַלװאַן...
װיזתא: װער ס׳איז קלוג און איך בין שײן.
המן: (טאַרעט)
װיזתא: ס׳הײסט איך בין קלוג, דער קיניג איז שײן.
המן: (טאַרעט)
װיזתא: כ׳מײן טאַטע המן, דו ביזט שײן און איך בין קלוג.
המן: (טאַרעט)

ויזתא: דער קיניג איז שיין, דער קיניג איז קלוג.
המן (שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע):
אחשורוש: אָט אזוי זאָג (גלעט אים)
ויזתא: אזוי ווי אַ ציג.
אחשורוש: (דערלאַנגט אים אַ פּאַטש)
נו, המן מיין יועץ, זאָל זיין שוין גענוג.
בגתן און תרש, אַהער מיטן קרוג. (בגתן און תרש פילן אָן די בעכער)
המן: זאָל לעבן דער קיניג אחשורוש פון פרס און מדי.
אַלע: פון פּרס און פון מדי!
המן: פון הודו ביזל כוש.
אַלע: פון הודו ביזל כוש (טרינקען)
אחשורוש: און איצט, מיינע געסט,
בלייבט אַלע שטיל.
בגתן און תרש הערט וואָס איך וויל.
אַזוי ווי אין האַרצן איז גוט פון דעם וויין,
וויל איך אַז ושתי זאָל קומען אריין.
אריינקומען זאָל זי די מלכה,
און ווייזן איר נאַקעטן גלאַנץ,
מיט בוימל און בשמים און פיינעם געווירץ
טאַנצן דעם נאַקעטן טאַנץ.
אַלע: דעם נאַקעטן טאַנץ! אַי, אַי, אַי!
בגתן און תרש: מיר זיינען באַרייט צום קיניגס באַפעל,
און ושתי דער מלכה ברענגען מיר שנעל. (אָפּ)
אחשורוש: דערווײַלע וואָס וועט, איידער מיין ושתי קומט אָן,
נאָמיר טרינקען וויין צו ביסלאַך,
און מיר קנאַקן טערקישע ניסלאַך.
(מ׳קנאַקט און מ׳טרינקט)
המן: לעבן זאָל די מלכה ושתי.
אַלע: ושתי די מלכה.
בגתן און תרש (קומען אריין, קניען):
גרויסער קיניג פון פרס און מדי...
אחשורוש: נו?!!!
בגתן און תרש: גרויסער מלך פון הודו ביז כוש (בוקן זיך ווידער)
אחשורוש: וואו איז די מלכה? וואָס קומט זי נישט אַריין?
בגתן און תרש: דער קיניג זאָל אונדז מוחל זיין.
זיי מוחל אונדז, דו האַר.



זי זאָגט דער מלך איז אַ נאַר.
עס זיצט א טפּש אויפן טראָן,
און ס׳גייט אינגאַנצן איר ניט אָן.
(אַלע פּראַלן אויף)
אחשורוש: אַ, וואָס? נייך, ס׳קען אַזוי ניט זיין.
ויזתא גיי שוין דו אַריין.
גיי, ויזתא, זאָג איר אָן
אַז איר העלדזל שטייט אין קאָן.
(ויזתא אָפּ, אַלע פאַרגאַפּט, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער)
ויזתא: (פליט אריין פרייליאַך)
אַלע: נו?
אחשורוש: נו, זאָג וואָס די מלכה טוט.
קומט זי יאָ, קומט זי ניט?
ויזתאָ: צי קומט זי צי ניט, ווייס דאָרט מיין זיידע —
זי זאָגט אַז דער קיניג איז ביידע.
אחשורוש: וואָס ביידע?
ויזתאָ: אַ שוטה און אַ פערד.
(אַלע שטוינען)
נייך, כ׳מיין פאַרקערט,
אַ טפּש און אַ שוטה.
(פּויזע)
אחשורוש: אוי, המן! (פאַלט אויפן שטול)
אַלע: קיניג!
המן (פּאַטשט אין טיש):
שאַט,
איך עפן מיין מויל און איך זאָג:
עס האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג
אַזוי וואָס ניט פּאַסירט,
אַז אַ קיניגס אַ באַפעל
זאָל ניט אויפן שטעל
ווערן אויסגעפירט.
דרום ראַט איך אייך און זאָג,
אַז איידער עס ווערט טאָג
באַשטראָפן זאָל דער האַר
ושתין פאַר דערפאַר
וואָס זי האָט איצט געטאָן,
מורד זיין אין טראָן.
אַלע: באַשטראָפן זאָל דער האַר.

אחשורוש: יא, באַשטראָפן.
אַלע: ושתין פאַר דערפאַר.
אחשורוש: יא, באַשטראָפן.
יא, באַשטראָפן. פון מיר איז קיין מניעה.
זיפּע און ליפּע, נעמט זיך צו דער תליה.
(זיפּע און ליפּע אָפּ מיט תליה)
זיפּע און ליפּע: (קומען צוריק) שוין, אויפגע האנג—ען!
אחשורוש: בו־הו... מע־מע־ע־ע...
כ'האָב שוין נישט קיין מלכה, כ'האָב שוין נישט קיין מלכה.
המן: טייערער קיניג, קיניג דו מיין.
פון וויינען וועט גאָרנישט ניט זיין.
אַלע: גאָרנישט ניט זיין.
אחשורוש: וואָס וועל איך טאָן
אליין אויף א טראָן?
וואָס טויג מיר מיין קרוין
אַז איך בין אליין?
וואָס טויג אַ מלוכה פון לענדער און שטעט,
אַז איך בין אליין?
ויזתא (כאַפּט אונטער):
ווי אַ לאָקשנברעט.
המן (גיט ויזתאן א פּלעם)
(שפּאַנט אום הין און צוריק באַזאָרגט. בלייבט פּלוצלונג שטיין ביים קיניג)
איך האָב עס, איך האָב עס, אַ צאַצקע אַ פּלאַן.
נו, וויין ניט, מיין קיניג, אַ מלכה וועט זיין.
אַרויסשיקן זאָל מען שלוחים
אין אַלענקע עקן פון לאַנד,
און זוכן א מלכה זאָל מען
פון מיידלאך אין אָרימען שטאַנד.
ניט פון קיין רייכע משפּחה,
פון שרים און גרויסע יחסנים,
נאָר פּשוט אַן אָרימע מיידל
וואָס וועט ניט פארשווארצן דיין פּנים.
פאָלגן וועט זי דיין באַפעל,
און וועט זיך נישט שטעלן אַנקעגן.
נו, וויין נישט, צעשיק די שלוהים
אַרויסעט אויף וועגן און שטעגן.
ויזתא: בו הו־מע־עע־עע, איך וויל אויך א מלכה.



קאָנפעראַנסיע: אַהעם, אַהעם, העם
איי, וועט ער קריגן אַ פּלעם.
המן (מאַכט דריי געציילטע טריט צו ויזתא און לאָזט אים אראָפּ א פּליאסק)
נא, ט'האָסטו אַ מלכה אין פּאָרטרעט.
אחשורוש: זאָל מען שיקן אַ שטאַפעט,
אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט.
און דו, מיין המן, מיין טייערער פריינט,
זעץ דיך ביי מיין רעכטער האַנט.
חכמה האָסטו גאָר אַ סך,
טריישאַפט ווייזטו אויך ניט ווייניק.
דערפאַר נעם איך דיר און איך מאַך
פאַר מיין ערשטן אונטערקיניג.
(המן שטעלט זיך הינטער אחשורושן, אַלע בוקן זיך צו אים):
זאָל לעבן דער אונטערקיניג, המן בן המדתאניו
אַלע: אונטערקיניג המן בן המדתא.
אחשורוש: ס'איז נאָך אַזאַ רשע
קיינמאָל נישט געווען.
המן בן המדתא, דאָס איז ער אליין.
אַלע: ס'איז נאָך אַזאַ רשע... א. אז. וו.

צווייט בילד.
ביים אריינגאַנג צום פּאַלאַץ.

(ס'הערן זיך קולות פון הינטער דער סצענע: „אסתר, אסתרשע".
זיפּע און ליפּע טראָגן אסתרן אין אַ גאָלדענער קארעטע. המן גייט נאָך. מרדכי ציט זיך צו אסתרן)
המן: אַוועק דו מרדכי היהודי,
דו גינטעלע גאַוולודי. שפּו! (שפּייט אויף מרדכין)
מרדכי: זיי גוט צו אידן, אסתרשע,
זיי גוט צו אידן.
אסתר: ס'איז אַ גרויס גליק, פעטער.
אַ גליק פאַר אַלע אידן.
(אַלע אויסער מרדכין פארשווינדן אין פּאַלאַץ)
מרדכי (מיט די הענט צום הימל):
פאַר זיין פאָלק ישראל.
קאָנפעראַנסיע: מרדכי, מרדכי, האָט ניט קיין יסורים,
ס'מוז אַזוי געשען, פון דאַנען נעמט זיך פּורים.
(צום פּוב.) אָט די אַלע צרות פון מרדכי היהודי

ווערט דערציילט אין פריידן פורים צו דער סעודה.
(ס'ווערט אָוונט)

בגתן און תרש: (קומען אָן ריידנדיק)

בגתן: נייך, נייך, נייך,
ס'וועט קיינמאָל ניט געשען.

תרש: וואָס געשען, ווען געשען?

בגתן: ביזט אַזאַ אָקס תרש אַז ס'איז —

תרש: דו ביזט אַליין אַ פערד.

בגתן: דו ביזט אַ לעקיש.

תרש: און דו ביזט אַ מעקיש.

בגתן: דו ביזט אַ... (גיט אים אַ פּלעם)

תרש: און דו ביזט אַ... (גיט אים צוריק אַ פּלעם)

(פּלעמען זיך איינער דעם אַנדערן ביז זיי פּאַלן ביידע אויף דר'ערד, קייקלען זיך, שוואַכער און שוואַכער ביז זיי בלייבן רואיק)
(פּויזע)
(ביידע הויבן האַלב אויף די קערפּערס, שפּאַרן זיך אָן אויף די הענט)

בגתן און תרש (צוזאַמען):
פאַרוואָס שלאָגסטו זיך, האַ?
(פּויזע)
איך שלאָג זיך? דו שלאָגסט זיך, שלאָג איך דיר צוריק.
איך שלאָג זיך?! ער שלאָגט זיך, זאָגט ער איך שלאָג זיך.
(פּויזע)

בגתן: נו שטיי אויף, וועל איך דיר געבן צו פאַרשטיין.
(שטייען אויף, גלייכן זיך אויס, פּוצן זיך אָפּ די קליידער)
הער, תרש, אונדז ברויכן מיר שפּרעכן דאַטש, ווייל מיר שמועסן פון דער קרוין. און ניעמאַנד מוזט פאַרשטיין. הער אויס (רוקט זיך צו נענטער צו אים) אחשורוש טאָר ניט חת... (קוקט זיך אַרום צי קיינער הערט ניט, דערזעט מרדכין) ווער איז דער אַלטער דאָרט?

מרדכי: (וויל אַנטלויפן).

קאָנפעראַנסיע: לויפט ניט רב מרדכי אַוועקעט, בלייבט אויף אַן אָרט.
זיי רעדן פון וויכטיקע זאַכן, הערט אויס יעדן וואָרט.

תרש: דאָס איז אַן אַלטער איד אַ טויבער און אַ שטומער; אַ חוץ דעם פאַרשטייט ער ניט אַ וואָרט דייטש.

בגתן (מיט אַ פאַרשטיקט קול):
הער אויס, תרש, אחשורוש טאָר ניט חתונה האָבן מיט אסתרן.

תרש: פאַרוואָס?

בגתן ווייל ס'עט זיך אָנהויבן נייע צרות, מ'ט טרינקען וויין און



קנאַקן טערקישע ניסלאַך. געגנוג, דו הערסט? ס'מוז נעמען אַ סוף.
צייט ווערן אויס שר המשקימס.

תרש: אָבער ווי אַזוי?

בגתן: הער, איך האָב אַ פּלאַן, מע דאַרף (קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן פאַרזיכטיק) הער, אחשורוש דאַרף שט־אַ־אַ־אַרב־ע־ע־ען...

תרש: שטאַר — וואָס רעדסטו, ווי אַזוי?

בגתן ששש, שריי ניט. נאָך היינט וועט אחשורוש שטאַ־אַ־רבע־ען...

תרש: אָבער ווי אַזוי?

בגתן: היינט איז די חתונה מיט דער נייער מלכה.

תרש: נו?

בגתן: עמיר דערלאַנגען ווייַן.

תרש: טאָ וואָס זשע וועט זיין?

בגתן (אין אויער):
דריי בלעטלאַך ציפּערגראַז
אַריינטאָן אין דעם קעניגס כוס,
אַ קאַפּעטשקע פאַרסמען,
ט'ער אַוועקגיין צו דער מאַמען.

קאָנפעראַנסיע: ווי געפעלן אייך דאָ די גראַמען?

תרש: דריי בלעטלאַך ציפּ ——

בגתן: אַ קאַפּעטשקע פאַר ——

בגתן און תרש (נעמען זיך אַרום די אַקסלען און פאַרשווינדן אין פּאַלאַץ זינגענדיק)
דריי בלעטלאַך ציפּערגראַז, א. א. וו.

מרדכי: אַהר־ם! אַזוי?! נו, (דראָעט מיטן פינגער)
(פּויזע)
(צום אויבערשטן שטאָק פון פּאַלאַץ) אסתרשע, אסתרשע,
אסתרשע מיין.

אסתר (באַווייזט זיך אויפן באַלקאָן):
פּעטערל, פּעטערשע, אָט בין איך דאָ.
וואָס טוסטו פאַרלאַנגען אין אַזאַ שפּעטער שעה?

מרדכי: גאָרנישט מיין קינד פאַרלאַנג איך פאַר מיר,
דאָס לעבן פון קיניג הענגט אָפּעט אָן דיר.
לאָז אים נישט טרינקען דעם וויין פונם כוס,
פאַרסמט איז דער וויין מיט ציפּערגראַז.
דעמדאָזיקן פּלאַן האָב איך אונטערגעהערט,
מסתמא פון הימל געוועזן באַשערט.

אסתר: פעטערשע מיין, פעטערשע מיין,
פאָלגן וועט אסתרל, אסתרל דיין,
טאָן וועל איך אַזוי ווי דו הייסט.
(מרדכי האַלט ביים אומפאַלן)
פאַמעלאַך, פעטערל, זע ווי דו גייסט.
קאָנפעראַנסיע: צו שפּעט, רב מרדכי איז שוין געפאַלן.

## דריט בילד
### אין פּאַלאַץ

אחשורוש: פריילאכער, זאָל זיין פריילאך.
ויזתא: פריילאַך, שמיילאַך, ביילאַך,
אַ מלכה און אַ מלך,
פּיסלאַך, שיסלאַך, ביסלאַך,
דאַרף מען קנאַקן ניסלאַך. (כאַפּט אַ ניסל און קנאַקט)
אחשורוש: נו וואָס זאָגט איר אויף מיין מלכה? בין איך ניט
אַ חכם?
המן: אַ חכם, אַ חכם, דער מלך אחשורוש,
פון פרס און מדי, פון הודו ביזל כוש.
אַלע: אַ חכם, אַ חכם; דער קיניג איז אַ חכם.
אחשורוש: מיין טייערע מלכה, מלכהלע דו מיין (קושט אסתרן),
לאָמיר אַלע ווידער טרינקען כרמל וויין.
(בגתן און תרש פילן אָן די בעכער; דערנאָך דעם קיניגס בעכער מיט
אַן אַנדער קריגעלע, מישן און שושקען זיך, אסתר קוקט זיך איין)
ויזתא: וויין, וויין, אַ גלעזעלע וויין,
אַ רוח אין מיין טאַטן אריין.
(קריגט אַ פּלעם פון המנען).
(אַלע נעמען די בעכער אין די הענט)
המן (מיטן בעכער):
זאָל לעבן דער קיניג אחשורוש פון הודו ביז כוש.
זיין ליבע זאָל ברענען ווי פייער
צו דער מלכה, דער נייער.
אַלע: מיט ליבע ווי פייער, צו דער מלכה דער נייער.
אחשורוש: (נעמט דעם בעכער)
פאַר מיין מלכה דער נייער
איז קיין זאַך ניט צו טייער (וויל טרינקען)
אסתר (כאַפּט אָן דעם קיניגס בעכער):
טרינק נישט דעם וויין מיין טייערער קיניג,



סם איז פאַראַן אינוויייניק.
אין דעם קיניגס כוס
געפינט זיך ציפערגראַז.
אַלע (שטעלן זיך אויף):
וואָס???
(בגתן און תרש ציטערן פון שרעק)
אחשורוש: סם? וואָס עפּעס סם אין מיטן דערינען? אַ נייע
מאָדע געמאַכט זיך, סם גאָר! זיי ווען מיך נאָך אומגליקלאַך
מאַכן! וואָס טויג סם!!
נו, האַ, וואָס זאָגסטו המן? וואָס טוט מען אַצינד?
אפשר אַביסעלע אויפהענגען, האַ? בין איך גערעכט?
המן: זאָל לעבן קיניג אחשורוש פאַר זיין גרויסע חכמה.
אַלע: פאַר זיין גרויסע חכמה.
אחשורוש: בלייבט עס אַזוי, אַביסעלע אויפהענגען.
(זיפּע און ליפּע מיט דער תליה נעמען אוועק בגתן און תרש)
(צו אסתרן) פון וואַנען ווייסטו אַז סם?
אסתר: מיין פעטערל האָט מיר דערציילט.
אחשורוש: ווער איז דיין פעטערל?
אסתר: מרדכי איז זיין נאָמען.
אחשורוש: אַזוי, מרדכי איז זיין נאָמען? —צע—צע!
אסתר: יאַ, מרדכי איז זיין נאָמען.
אחשורוש: איי איי איי, מרדכי איז זיין נאָמען,
און פון וואַנען טוט ער קומען?
אסתר: פון שושן טוט ער קומען.
אחשורוש: פון שושן טוט ער קומען? אַזוי? אַווא!
מרדכי איז זיין נאָמען,
און פון שושן טוט ער קומען.
זאָל עס טאַקע אַזוי פאַרשריבן ווערן אין ספר הזכרונות, דו
הערסט חרבונהניו, פאַרגעס נישט: מרדכי איז זיין נאָמען, פון
שושן טוט ער קומען.
חרבונה (עפנט דעם בוך, שרייבט)
מרדכי איז זיין נאָמען,
פון שושן טוט ער קומען.
אַלע: מרדכי איז א. א. וו.
חרבונה: ווי לייגט זיך אויס מרדכי?
קאָנפעראַנסיע: מעם, רייש, דאַלעד, כאַף, יודעלע. מרדכי,
מרדכי, מרדכי.
אחשורוש: מ —

חרבונה: מ —
אחשורוש: ד —
חרבונה: ד —
אחשורוש: כ —
חרבונה: ע — ע — אַ לאַנגע צו אַ קורצע כאַף?
אחשורוש: ע — ע — המן, אַ לאַנגע צי אַ דאַסיקע כאַף?
המן: ע — ע, אַ דאַסיקע!
אחשורוש: אַ דאַסיקע.
חרבונה: אַ דאָס.
אחשורוש: אַ יודעלע.
חרבונה: אַ יודעלע.
אחשורוש: מרדכי־י־י
חרבונה: מרדכי־י־י
אחשורוש: מרדכי
חרבונה: מרדכי
אחשורוש: מאַטל
חרבונה: מאַטל.
אחשורוש: טאָ זינגט זשע אַלע. (אַלע זינגען)

מרדכי איז זיין נאָמען,
פון שושן טוט ער קאָמען,
מרדכי איז זיין נאָ,
פון שושן טוט ער קאָ!

פאַרהאַנג.

איטשע ליבמאַן

# דער פערצנטער

דער אַקצענטירטער ציפער — וואָס וועט דעם „אונדזער בוך“ לייענער לייכט פירן צו־אַסאָציאַציע מיט ה. גאָלדס נאָרוואָס פאַרענדיקטער סעריע „דרייצן אַמעריקאַנער שרייבער“ — טוט ניט בלויז אָנדייטן אויף פּרעטענזיע פון לאָגישן דערגענץ, נאָר איז הויפּטזאַכלאַך אַן אויסרייד פאַרן אויטאָר פון איצטיקן השערה־אָנוואורף זיך אַריינציען אין אַ דיסציפּלינירטן זעלבסט־שטועס מכח אַ באַמתדיקן היגן אידישן שריפטשטעלער וואָס איז אפילו פון זיינע מערסטע זיך־רעקלאַמירנדיקע אָנהענגער, האַלטער, דערקלערער און מבינים פאַרשטאַנען און אויפגענומען געוואָרן פלאַך, אויב ניט לעכערלאַך.

*

דער אידיש־מעטאָדאָלאָגישער פּרינציפּ „אין מוקדם ומאוחר“, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָלדס עסיי־מעסיקע שריפטן, און, וואָס האָט זיך איבערהויפּט שאַרף אַרויסגעזען אין זיין סעריע „13“ וועט אויך אין דעם „הוספה“־אַרטיקל אָפּגעהיט ווערן, און דערמיט מער כשרן די איצטיק־„אַריינגעשמוגלטע“ פּופּציק פסוקים צום ציפער דרייצן.

*

דרייצן איז בלויז איין הויפן היגע אידישע שרייבער וואָס האָט זיך אַרויסגענומען כמעט ווי אַ זכה־בגורל קוויטל. גאָלד האָט דאָ ניט בדעה געהאַט קיין דיסקרימינאַציע. עס האָט פּונקט אַזוי געקענט זיין אָט די רשימה: ראובן אייזלאַנד, מ. אָלגין, ציליע דראָפּקין, זישע לאַנדוי, א. לוצקי, ל. מילער, נ. ב. מינקאָוו, מנחם, יעקב סטאָדאָלסקי, יאָסל קאָטלער, י. ראָלניק, ב. ריווקין און י. י. שוואַרץ.

*

„דרייצן“ פאַרמערט אין אַן אַריפמעטישער, צי געאָמעטרישער פּראָגרעסיע גלייכט זיך ביי אים צום איינס, וואָס איז אַן אָפּצווייג פונם אידיש־אַמעריקאַנישן שרייבערשן איינס און איז אַ ווייטערער אָפּצווייג פון אַמעריקאַנישן אידנטום אַלס טייל פון אַמעריקאַנער פעלקער־משפּחה, צעפירט אין זיך אויסברייטערנדע צירקלען פון ראַסע, מענטשהייט, וועלט־ערד און וועלט־אַל.

*

דער „בלינדער“, אידיש־טראַדיציאָנעלער „אחד“ איז ביי אים דער באַוואוסטזיניקער איינס דורך וועלכן ס'ווערן אים קלאָר סיי די אותות ומופתים, סיי די קאָמפּליצירטסטע מענטשלאַכע דילעמעס.

*

# אחשורוש

פורים שפיל אין צוויי אקטן

## צווייטער אקט

קאנפעראנסיע (פארן פארמאכטן פארהאנג):
אין דער צייט פון דעם אנטראקט זיינען יארן פיל פארלאפן,
פאסירונגען פאסירט, נאר קיין נסים נישט געטראפן.
נישט צו טאן און נישט צו מאכן,
נישט צו וויינען, נישט צו לאכן.
האבן מיר ווי אונדז געפעלט
אין שפיל עס ניט אריינגעשטעלט.
טירקלטויב, אויערהאן,
צווייטער אקט פאנגט זיך אן.

### ערשט בילד

פארן פאלאץ

(מרדכי זיצט ביים טויער).
המן (קומט אן מיט שווערע טריט):
הום בום ברום,
פריסי פרסי גזום.
סניה׳ טיקע, נוץ
פשיע, פשינטע, בוץ. (דערזעט מרדכין)
ווער זיצט עס דארט
מיט א ווייסער בארד
און רירט זיך ניט פון ארט?
העי, דו, וואס האסטו דיך צעשפריים?
דו זעסט ניט ווער עס גייט?
איך הרגע דיר אויף טויט!

(נאכדרוק און אויפפיר פארבאטן אן דערלויבעניש פון פארפאסער.)



(מרדכי רירט זיך ניט).
המן: וואס ווארטסטו נאך אויף גליקן?
שוין זאלסטו׳דיך בוקן
צו מיך, המן דיין האר.
ווארט, דיינע אידעאליאקעס מיט זייערע בנ׳אקעס
וועל איך אויסקוילענען דערפאר.
פריסי פרסי גזום,
הום, ברום, גזום.
מרדכי: המן בן המדתא,
איי ביזטו א רשע,
און אן אנטיסעמיט אויך נישקאשע.
גאט דער האר פון דער וועלט
האט שוין לאנג באשטעלט
פאר דיר א פיינע שטראף
מיט א וויסטן, פינצטערן סוף.
(המן אפ אין פאלאץ).
קאנפעראנסיע: פון וויטן הערט זיך דעם ארימען חשדרפונס נאציאנאלער געזאנג באגלייט פון זיין זיס פידעלע.
(חשדרפון באווייזט זיך)
קאנפעראנסיע: נאציאנאלער פאעט חשדרפון, שטעל זיך דא אנידער —
לאמיר עפעס הערן פון דיינע נייע לידער.
חשדרפון: מיין נייער פאעם „שעפסל און וועלוול“, אדער, „דער שפיגל פון היינטיקן דור“.
(שטעלט אן די פידעלע, הוסט זיך אויס)
א קליין ווייס שע-ע-ע-פסל
גייט אליין אין וועלדע-ע-ע-ל
ווע-ע-ע-לדל ווע-ע-לדל
איינינקער אליי-יי-יי-יין
איינינקער אליי-יי-יי-יין
טרעפט ער אן א ווע-ע-עלוול
מיט צוויי רויטע אויגן,
מיט צוויי שארפע ציין.
מיט צוויי שארפע ציי-יי-יי-יין
האט געוואלט דער ווע-ע-עלוול
אויפעסן דעם שע-ע-ע-פסל

מיט זיינע שאַרפֿע צייי-יי-יין.
מיט זיינע שאַרפֿע ציין.

וואָס קען טאָן אַ שע-ע-עפּסל?
מע-מע-מעקעט שע-ע-פּסל
איינינקער אַליי-יי-יין,
איינינקער אַליי-יי-יין.

הערט זיך צו דער פּאַסטוך
מיט זן לאַנגען שטע-ע-עקען.
הער ער זיין געוויי-יי-יי-יין,
הערט ער זיין געוויי-יי-יי-יין.

קומט ער אין דעם וועַ-ע-לדל,
וועַ-ע-לד, וועַ-ע-לדל,
קלאַפּט ער אָן דעם וועַ-ע-עלוול
ווע-ע-לוול, ווע-ע-לוול,
ווען מען, וועלוול, וויי-יי-יין,
וועלוול, וועלוול וויין.

**ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע** (וואַרפֿט אים אַריין אין היטל אַ ניקל, זיפֿצנדיק):
אַך ווי אונדזער זיסער, גרויסער נאַציאָנאַלער פּאָעט חשדרפֿון
דער פּויער
האָט אונדז צעריסן דאָס האַרץ מיט זיין ליד פֿון טרויער.
אַ בריליאַנטן ליד מיט אַ סימבאָלישן מיין,
המן — דער וואָלף מיט די שאַרפֿע ציין,
מרדכי מיט זיין פֿאָלק — דאָס ווייס שעפּסעלע קליין;
רב מרדכי, איר פֿאַרשטייט, צי ניין?
**מ ר ד כ י**: איך בעט אייך, שטערט מיר ניט מיינע מחשבֿותן;
איך האָב ניט קיין צייט פֿאַר קאַטאָוועסן. (שטופּט אים אָפּ)
גייט אייך אָוועק.
מישט זיך מיר ניט אַריין אין מיין מגלה אַריין; ס'האָט ניט
צו טאָן מיט אייך!

צווייט בילד

אין פּאַלאַץ

**ה מ ן** (קומט אַריין בייז, גייט הין און צוריק, בלייבט שטיין ביים קיניג):
גרויסער קיניג געטרייער,
מיין צאָרן טוט ברענען ווי פֿייער.



**א ח ש ו ר ו ש**: וואָס, ווי פֿייער? נו, איז עס שלעכט צי גוט?
**ה מ ן**: שלעכט, מיין גוטער קיניג. (בוקט זיך)
צינדע, צאַנדע, געצענדער
שטאַרקסטער קיניג פֿון אַלע לענדער.
אין דיין לאַנד געפֿינט זיך אַ פֿאָלק
מיט פּאות און בערד ווי פֿון דראָטן.
קען מען ביי זיי נישט דערגיין קיין טאָלק
צו קאָכן זיי חזיר, צו בראָטן.
זיי האַלטן נישט דיינע געבאָטן,
דאַרף מען זיי ניט אַלע אויסראָטן? (קלאַפּט אין טיש)
פּריסי, פּרסי גזום.
**א ח ש ו ר ו ש**: אַלע דאַרף מען אויסראָטן?
**ה מ ן**: אַלע; פּריסי פּרסי גזום, אַ-אַ-לע.
**א ח ש ו ר ו ש**: אַ-אַ-אַ-לע??
**ה מ ן**: אודאי; אַלע, אַלע, אַלע.
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שאלה?
פּריסי פּרסי, גזול, גאַזאַי! שפּו!
**א ח ש ו ר ו ש**: חרבונה, דו הערסט? אַלע, אַלע, אַלע... פּריסי, פּרסי,
גזול!.. קוילענען צי עפּעס אַנדערש?
**ה מ ן**: ביידע; קוילענען און עפּעס אַנדערש.
**א ח ש ו ר ו ש** (אין אויער): אפשר הענגען הא?
**א מ ן**: אדרבה.
קוילענען, הענגען און עפּעס אַנדערש. פּריסי, פּרסי, גזול!
**א ח ש ו ר ו ש**: חרבונה, דו הערסט? פֿאַרשרייב:
קוילענען, הענגען און עפּעס אַנדערש.
(המן האָפּקעט אַוועק).
(אחשורוש ציט אויס די הענט מיט אַ לאַנגן גענעץ)
אַ-אַ-ב-אַך האַך, באַ, באַ, מ'עט גיין שלאָפֿן. (לייגט זיך)
(פּויזע)
חרבונה, איך וויל שלאָפֿן.
**ח ר ב ו נ ה**: מיין האַר און קיניג וויל שלאָפֿן.
**א ח ש ו ר ו ש**: טאָ פֿאַרוואָס שלאָף איך ניט? (פּויזע) פֿאַרוואָס שלאָף
איך ניט? הא? חרבונה, איך זאָל שוין שלאָפֿן זאָג איך;
דו הערסט צי ניין?
**ח ר ב ו נ ה** (גייט צו, לייגט אים אַוועק, דעקט אים איין; גלעט דעם בויך,
דערנאָך די קאָפּ): שלאָף, שלאָף קיניגל, קיניגל דו מיין,
שלאָף, שלאָף קעפּעלע!

שלאָף, שלאָף, פּיסאַלאַך!
שלאָף, שלאָף פּופּיקל!
שלאָף, שלאָף זשע איין.

אחשורוש (זעצט זיך האַסטיק אויף):
עליך שלאָפן צי ניין?

חרבונה: זאָל דער קיניג פון פּרס און מדי
פּרובירן שלאָפן פאַרקערט. ....
(אחשורוש קערט זיך איבער מיטן פּנים אַראָפּ)
פּע, ניט אַזוי פאַרקערט, איך מיין פאַרקערט פאַרקערט.

אחשורוש: טאַ ווי שלאָפט מען פון הודו ביז כוש פאַרקערט פאַרקערט?

חרבונה: זאָל דער קיניג פון פּרס און מדי זיך לייגן מיטן קאָפּ צופוסנס.

אחשורוש (לייגט זיך איבער, פּויזע. זעצט זיך אויף):
וואָס ט'עס זיין? איכל טאַקע נישט שלאָפן? חרבונה, איך באַפעל אַז איך זאָל שוין שלאָפן, באַפעל איך, אַז ניט וועסטו מיט דיין לעבן באַצאָלן, דו שורקע אין חרבונה-געשטאַלט.

חרבונה: אפשר ברענגען מיין בוך און לייענען אַ סקיצע פון לעבן אַנטנומען?

אחשורוש: וועט עס עפּעס העלפן?

חרבונה: מעמיר זען. (חרבונה אָפּ).

אחשורוש (בלייבט ליגן. הערט זיך צו צום כראָפּען וואָס קומט פון זיפּען וועלכער איז אַנשלאָפן געוואָרן. קוקט זיך אַרום) האַ, וואָס? איך שלאָף? ניין, ס'קען ניט זיין. (כראָפּעט) טאַ וואָס זשע כראָפּע איך? חרבונה, חרבונה! (כראָפּ. חרבונה קומט אָן מיטן בוך) חרבונה איך שלאָף?

חרבונה (קוקט אים אַרום, טאַפּט אים אויס):
ניין, דער קיניג פון הודו ביז כוש שלאָפט ניט.

אחשורוש: טאַ וואָס כראָפּע איך?

חרבונה (הערט זיך צו, פאַרוואונדערט זיך, דערזעט זיפּען כראָפּענדיק):
שטיל דו שוואַרצער כוש! ניין! דער קיניג כראָפּעט ניט דער שוואַרצער כוש האָט זיך צעכראָפּעט.

אחשורוש: איצט פאַרשטיי איך שוין — ווען דער שוואַרצער כוש כראָפּעט איז אַ סימן אַז איך שלאָף ניט.

חרבונה (זעצט זיך, עפנט דעם בוך) לייענען?

אחשורוש: לייענען.

חרבונה: אין דעם יאָר טימטעדערינטע, ווען טיידעטראַאַמטערע



איז געקומען לאַמטערע, און רייטע דע רייטיי האָט געציטבעט דערימבע, און טימטערעטימטע האָט לאַמטעדערימטע איז פּאַמ־פּעדעראַמפּע טידעלעדאַמפּע טאָם טאָם טאָם. דער קיניג שלאָפט?

אחשורוש (גענעצט):
אַ־אַ־אַך באַך־באַ־באַ, איך שלאָף ניט. ..

חרבונה: וועל איך לייענען אַן אַנדער סקיצע פון לעבן ענטנומען.

אחשורוש: לייענען אַן אַנדער סקיצע פון לעבן ענטנומען.

חרבונה: אין דעם יאָר ווען דער קיניג אחשורוש האָט געוואָלט עסן געשליפענע האָזן איז אַריינגעקומען דער ווייסער זעמלפיש און האָט גענומען זינגען מיטן רויטן צילינדער און אַ פּאָר שקאַר־פּעטקעס. אין דרויסן איז דאַן געווען צוויי טעג נאָך מיטוואָך, האָט דער מלך פון פּרס און מדי ניט געהאַט קיין שמעק טאַבאַק. האָט דער קיניג צונויפגערופן אַלע שפּיגעלפּאַלצערס און געפרעגט ווער פון זיי איז קאַפּאַבל צו ציען חלבנע ליכטלאַך. האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן; האָט דער קיניג ווידער געפרעגט, האָט זיך ווידער קיינער ניט אָפּגערופן. נאָך אַמאָל געפרעגט, נאָך אַמאָל ניט אָפּגערופן. אַזוי ביז זיבן מאָל.

חרבונה: דער קיניג שלאָפט?

אחשורוש: דער קיניג שלאָפט ניט. איך וויל שלאָפן, וויל איך.

קאָנפעראַנסיע:
צו שטאַרקע סאַטירע פאַר היינטיקע אומשטענדן.
מ'קען אויף דעם ניט האָפן
אַז אַ קיניג זאָל ווערן אַנטשלאָפן.

חרבונה: לייענען אַן אַנדער סקיצע פון לעבן אַנטנומען?

קאָנפעראַנסיע: לייען אַן אַנדער סקיצע פון לעבן אַנטנומען?

חרבונה (מישט אויף און לייענט):
אין דעם יאָר צעבערצאָף, ווען דער קיניג אחשורוש וואָס קיניגט איבער הונדערט צוואַנציק און זיבן מדינות, דער קיניג פון פּרס און מדי, פון הודו ביז כוש האָט געוואָלט טרינקען אַ בעכערל וויין האָט אסתר המלכה, געזונט זאָל זי זיין, געזאָגט צום קיניג פון פּרס און מדי אַזוי צו זאָגן: קיניג דו קיניג טרינק ניט פון דעם כוס
פאַרסמט איז דיין וויין מיט ציפּערגראָז,
פרעגט דער קיניג פון הודו ביז כוש: ווער האָט עס דיר געזאָגט? ענטפערט אסתר המלכה און זאָגט: אַ איד מרדכי איז זיין נאָמען. פרעגט דער קיניג פון הודו ביז כוש: פון וואַנען טוט ער קומען? ענטפערט אסתר המלכה: פון שושן טוט ער קומען.

מרדכי איז זיין נאָמען,
פון שושן טוט ער קומען.
האָט מען גענומען און מ'האָט אויפגעהאַנגען... אַך־אַך־כאַ (גענעצט)
האָט מען גענומען און מ'האָט אויפגעהאַנגען אַך־אַך־כאַ (גענעצט).

ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע:
נו, נו, זאָל שוין נעמען אַ סוף,
איך פֿאַל שוין אַוועקעט פון שלאָף,
עס ציט זיך אַזוי ווי פון פעך,
העך־עך־עך־עך!

ח ר ב ו נ ה: האָט מען גענומען און מ'האָט אויפגעהאַנגען אַך־אַך־אַך (גענעצט) אפשר שלאָפט שוין דער קיניג?

א ח ש ו ר ו ש (כראָפעט): שוין, כ'שלאָף שוין נבר־בר־בר־

ח ר ב ו נ ה (כראָפעט): יאָ, שלאָפט שוין, נבר־בר־בר־

ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע (כראָפעט): נבר־בר־בר־בר יאָ, שלאָפט שוין, גו־ד נ־יי־ט־

(פינצטער און פינצטערער, כראָפען שטאַרק און שטאַרקער, ביז גאָר פינצטער)

איצט וועלן באַלד קומען זיפּע און ליפּע אויסצולעשן די עלעקטרישע לעמפּלאַך און בייטן די סצענע.

דריט בילד.

פאַרן פּאַלאַץ

(ס'כראָפען ווערט שוואַך און שוואַכער ביז שטיל. ליכטיקלאַך)
מיר בעטן איר זאָלט מוחל זיין,
מיינע ליבע לייט;
עס קומט אַ נייער טאָג אַצינד
און מיר האָבן ניט קיין צייט.
מאַכן מיר דעם גאַנצן טאָג
צוויי מינוט די גרוים;
נייער, נייער, נייער טאָג —
שנעלער קום אַרויס!

ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע:
הימל בלוי, פויגל פליט, לבנה שוועבט אַרום פאַרטראַכט,
טיר און טויער אויפגעמאַכט,
אַטאַזוי, אַטאַזוי, פאַרגייט אַ נאַכט ——— (שטילע מוזיק. פּאַוזע)



האָן קרייט איינס (קרייט), זייגער שלאָגט איינס (שלאָגט),
האָן קרייט צוויי (קרייט), זייגער שלאָגט צוויי (שלאָגט),
ביז דרייצן. (קרייט, שלאָגט)
פויגל! (זינגט); קאַטשקע! (קוואַקעט); הונט! קעלבל! קאַץ! פערד!
פרימאָרגן. זיפּע, ליפּע

ז י פּ ע א ו ן ל י פּ ע (קומען אַרויס, קערן די גאַס):
צוויי כושים זיינען מיר
שוואַרצע נעזלאַך, א. אז. וו. (אָפּ)

(פּאַוזע)

ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע:
גיט דער האָן אַ קריי (האָן קרייט), דער זייגער גיט אַ שלאָג
(זייגער שלאָגט), גיב איך זיך אַ דריי, גייט אַוועק דער טאָג.
דרייט זיך ווי אַ מיל
גייט זיך אָן דאָס שפּיל.
(פאַרנאַכט. שטילע מוזיק)

פ ע ר ס י ש ע ר ק אָ ס ט י מ ע ר פ ע ד ל ע ר: רעגס, באַטוס, שפּאַקולן, באַנאַנען, קאַלאַשן, מאַרציפּאַנען, האָמענטאַנען, וואַזאַנען־ען־ען!

מ ר ד כ י (קומט צולויפן פאַרשמייעט מיט אַ בלאַט צייטונג, צום פענצטער אויבן שטיל): אסתרשע! (העכער) אסתרשע! (נאָך העכער)
אסתרל, מיין קרוין!
(אסתר באַווייזט זיך אויפן באַלקאָן)
עס טאָר ניט, אסתרל, געשען.
נאַ דיר די בלעטער און לייען.
(אסתר נעמט די צייטונגען)

ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע (לייענט)
היינט, ווען דער זייגער וועט אם ירצה השם שלאָגן צימדע צאַמדע צאַמצידין, וועט מען טאָן מיט גאָטס הילף אויסראָטן די אידן. אויסקוילענען פון קליין ביז גרוים, די איבעריקע הענגען. נאָכער קומט אַ באַל מיט טענץ, מ'עט זייער גוט פאַרברענגען. קומט אין מאַסן!

מ ר ד כ י: נו, וואָס זאָגסטו אסתר?

ק אַ נ פ ע ר אַ נ ס י ע (לייענט ווייטער):
אַלע אידן מוזן קומען פון נאָענט און ווייט! גרויסע שטראָפע פאַר ניט ערשיינען פּינקטליך צו דער צייט. (צו מרדכין) ניט שרעקט אייך רב מרדכי, די ישועה איז ניט ווייט.

אסתר: פעטערל, פעטערל, פעטערשע מיין,
איך גיי גלייך צום קיניג, צום קיניג אריין.
איך וועל אים געבן א קוש און א גלעט,
פארנעמען, פארנעמען ט'ער טאן מיין געבעט.
מרדכי: גיי זשע געשווינד,
גיכער, מיין קינד.
עס ליגט די ישועה ביי דיר אין די הענט,
די אויגן פון פאלק צו דיר איז געווענדט.
(אסתר אפ)
פאר דיין פאלק ישראל.

פערט בילד

אין פאלאץ

אחשורוש: מיין טייער מלכה, מאליטשקע דו מיין,
וואס זיצטו פארטרויערט אזוי?
טוט דיר דאס קעפעלע וויי?
צי טוט דיר דאס בייכעלע וויי?
אפשר עלן מיר טרינקען א גלעזעלע ציקאריע?
אסתר: קיניג דו קיניג, נאר דו ביזט מיין רעטער,
נאר דו קענסט מיר העלפן (וויינט) איך וויל צוריק מיין פעטער.
אחשורוש: חרבונה, דו הערסט?
חרבונה: איך הער.
אחשורוש: טא גיכער
ווי א וויכער
לייג אוועק די ביכער,
דעם פעטער ברענג אהער.
חרבונה: וועלכן פעטער?
אסתר: מרדכי איז זיין נאמען
פון שושן טוט ער קומען.
חרבונה: מרדכי איז זיי..?! פון שושן טוט ער...?! מיינער א לאנדסמאן! (גייט צום בוך, מישט אויף, לייענט) יא, אט א שטייט עס דארט פארשריבן: מרדכי איז זיין נא־א־א פון שושן טוט ער־ר־ר...
אחשורוש: א וואס? גוט אדער שלעכט?



חרבונה: גוט, טייערער קיניג. (ווייזט אים אין בוך)
מרדכי איז זיין נאמען, פון שושן טוט ער קומען.
המן (קומט אן): פריסי פרסי גזום...
אסתר: הער זיך ניט צו צו דעם המן,
ער טוט נאר פארשווארצן דיין נאמען.
א רשע, א רשע, דאס איז ער אליין,
עס איז נאך אזוינס אויף דער וועלט ניט געווען.
אלע: א רשע, א רשע... א. אז. וו.
קאנפעראנסיע: (ווארפט המנען אויף אסתרן. אסתר טוט א געשריי)
אחשורוש (דערזעט, שטעלט זיך אויף):
אזוי גאר? אזא מין רשע ביזטו? נישקאשע פון א רשע. אהא!
(צו חרבונה) ווי איז זיין נאמען?
חרבונה: מרדכי איז זיין נאמען
פון שושן טוט ער קומען.
אחשורוש (צו אסתר):
איצט בין איך צופרידן
לעבן זאל דיין פעטער מיט אלע זיינע אידן.
קאנפעראנסיע: חרבונה, דו הערסט וואס מ'רעדט?
פארשרייב אין די ביכער, איידער ס'איז שפעט. (חרבונה שרייבט)
חרבונה און קאנפעראנסיע:
איצט איז דער קיניג צופרידן,
לעבן זאל דער פעטער, א. אז. וו.
אחשורוש: און רייטן אויף א פערדל קען דיין גוטער פעטערל?
אסתר: ניין, שוין אן אלטינקער פעטערל.
אחשורוש: ניין? א שאד! ווייסטו זשע וואס? נו, אז המן וועט אים פירן וועט ער קענען?
אסתר: אז המן וועט אים פירן וועט ער קענען.
אחשורוש (פאטשט מיט די הענט):
גוט, גוט, גוט אזוי. שא, אבער המנען דארף מען דאך הענגען?
קאנפעראנסע: אודאי הענגען. דער בעסטער מיטל. אזוי ווי אין דער מגלה. ווי זשע דען זשע? נאר פריער וועט ער פירן דעם פערדל.
אחשורוש: פריער מרדכי רייטן פערד.
קאנפעראנסיע: נאכדעם המן ליגן דר'ערד.
אלע: מרדכי היהודי רייטן אויפן פערד
המן הרשע ליגן אין דר'ערד.
(המן וויל אנטלויפן)

**קאָנפערענציע** (מיט צעשפּרייטע הענט):
אַ מכה, וואו קריכסטו? אומזיסט דיין מי —
זיפּע און ליפּע נעמט זיך צו דער תליה.
**אחשורוש**: וואַרט, וואַרט, וואַרט אַווייליקע. כ'אַזיך מיישב
געווען. פאַר איין וועגס שוין אויפהענגען ויזתאנקען אויך. אויף
אים איז אויך אַ רחמנות.
(זיפּע און ליפּע ווילן גיין)
וואַרט, וואַרט, וואַרט. ויזתאנקעס ברידערלאַך הענגט שוין אויך
אויף דאָרט. 'טעם זיין אַ סך פיינער, (מרדכי קומט אָן)
אַט איז מיין נייער שני למלך, לאָמיר קנאַקן טערקישע ניסלאַך.
**אסתר** (כאַפּט זיך ארום מיט מרדכין):
פעטערל מיין!
**מרדכי**: אסתרל, אסתרל מיין!
**אַלע** (זינגען): מרדכי איז זיין נאָמען, פון שושן טוט ער קומען;
מרדכי איז זיין נאָ, פון שושן טוט ער קאָ.

## נאָכשפּיל

מרדכי רייט, המן פירט.
דערנאָך דער גאַנצער פּערזאָנאַל מיטן נאַציאָנאַלן זינגער זינגען
ועלוול שעפּסל.
**קאָנפערענסע**:
אַ גוואַלדאָוונע ליד מיט אַ סימבאָלישן מיין, א. אז. וו.
אָפּגעזונגען, אָפּגעשפּילט, נישקאָשעדיק פאַרבראַכט,
טאָ, האָט אַ גוטע נאַכט.

חלל גורני

# די אידישע פאָרמאַלאָגיע

## פאָרמען פון חיות

חיות וואוינען אין וואַלד. דאָרט פירן זיי אַ לעבן ווי די מענטשן אין שטאָט. מען זאָגט אפילו*), אז אין יעדן מענטשן איז דאָ אַ טייל חיה: אַ טייל ווילד־וואַלד איינגעבאָרנקייט וואָס לאָזט זיך ניט אויסלערנען.

אָבער מענטשן פּרואוון זיין וואָס מער מענטש. אליהו הנביא, דער אי־דישער געוויסן, וואָס מאָנט ביי יעדן איינעם גוטסקייט און ברייטהאַרציקייט, ווען ער ווערט אין כעס אויף אימיצן פאַר זיין שלעכטסקייט, פאַרשילט ער יע־נעם פאַר אַ חיה, מייסטנס, אַ שוואַרצער הונט וואָס בילט.

אין פאַרגלייך מיט אַ גוטן מענטש, אַ צדיק וואָס איז גאָטס מענטש (איש אלהים), און צו וועמען גאָט רעדט. אָדער ווען ער וואַרפט שפּעטער נאָך 120 יאָר אַרונטער זיין שטערבלאַך גוף, זיצט ער מיט גאָט און לערנט תורה אין גן עדן אָדער האָט הנאה פון דער שכינה און איז אויפן זיבעטן הימל ערגעץ אין גן עדן העליון, וואו אַלע נשמות זיינען.

חיה, הייסט עס אין אַלגעמיין, איז אַ ווילד באַשעפעניש וואָס לעבט זיך רואיק אַ לעבן, און ס'קאָן זיין גאַנץ מעגלאַך, אַז אונטער אַנדערע אומ־שטענדן זאָלן זיך לעבן וואָלף מיט שעפּס, לייב מיט ציג, און לעמפּערט מיט שוואַך קליין מענטשנקינד, — ווען די וועלט וועט אַמאָל זיין קלוג און געלערנט, און אַלע וועלן וויסן זייער זין, און אויך די חיות, און ווילדקייט וועט שטאַרבן און משיח וועט קומען. קיין בייזע געשוואָרענע שנאה צווישען מענטש און חיה איז ניטאָ.**)

דער קיניג פון די חיות, דער לייב, מיט זיין קיניגלאַך געבויטן אויסזען, רופט צום אידישן באַגריף און אויג גאַנץ וויניק. מיט זיין גבורה נעמט ער זיך גאָרניט איבער. דוד המלך אלס קינד האָט אָנגענומען דעם לייב ביי דער באָרד און אים אוועקגעהרגעט. שמשון הגיבור האָט אים אפילו צע־ריסן אין שטיקער. ניט אין זיין צורה און ניט אין זיין גבורה ליגט זיין קיניגלאַכקייט.

אַז אַ לייב שרייט, ווער האָט ניט מורא? — אין זיין געשריי פון

---

*) זע קאַפּיטל איינס.

**) מיט אַ קליינעם אויסנאַם אפשר פון שלאַנג. זע ווייטער אין קאַפּיטל.